# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## זמירות שבת

### השי"ת וויל נאר הערן אונזער זמירות

**שטייט** אין מדרש ברח דודי, רב לוי זאגט א משל: א קעניג האט געמאכט א סעודה און ער האט איינגעלאדנט געסט וואס זאלן אנטייל נעמען אין די סעודה. א טייל געסט האבן געגעסן און געטרונקען און האבן געבענטשט דעם קעניג, א טייל געסט האבן געגעסן און געטרונקען און זיי האבן דערנאך געשאלטן דעם קעניג.

**ווען** דער קעניג האט דאס געהערט האט ער געוואלט שרייען און מאכן א טומל אינמיטן די סעודה. איז אריין געקומען די קעניגין און געזאגט צום קעניג: מיין הער קעניג! קוק נישט אויף די מענטשן וואס עסן און טרונקען און שעלטן דיך, קוק נאר אויף די מענטשן וואס עסן און טרונקען און בענטשן דיר און לויבן דיין נאמען.

**אזוי** איז ביי די אידישע קינדער. ווען די אידן עסן און טרונקען און בענטשן און לויבן השם יתברך, הערט השם יתברך זייער שטימע און איז צופרידן מיט זיי. אבער ווען די גוי'אישע פעלקער עסן און טרונקען דערצערענען זיי השם יתברך מיט אומווערדיגע רייד, זיי רעדן דעמאלטס פון עובר זיין אויף גאר הארבע עבירות, און דערמיט זענען זיי גורם אז השם יתברך זאל ווילן חרוב מאכן די וועלט רחמנא לצלן.

**די** תורה קומט אבער פאר השם יתברך, און איז ממליץ טוב און זאגט: רבונו של עולם, צו וואס קוקסטו אויף די מענטשן וואס שעלטן דיך און דערצערענען דיך, קוק בעסער אויף די אידישע קינדער וואס זיי זענען דיין פאלק, בשעת זיי עסן בענטשן זיי דיך און לויבן דיין גרויסן נאמען מיט תורה, מיט געזאנג, און מיט לויב.

**זאגט** דער רוח הקודש צו השם יתברך: 'בְּרַח דּוֹדִי', אנטלויף מיין פריינט, אנטלויף פון די גוי'אישע פעלקער און באהעפט דיך מיט די אידן.

**מדרש רבה שיר השירים ח' ט"ז**

**וְיוֹם** הַשְּׁבִיעִי מְשַׁבֵּחַ וְאוֹמֵר, מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת. רבי יהודה זאגט אז פאר הקדוש ברוך הוא איז נישטא נאך אזא לויב ווי דער לויב פון דעם שבת קודש, די עליונים און די תחתונים לויבן צוזאמען הקדוש ברוך הוא, און אפילו דער טאג שבת לויבט אויך השם יתברך און השם יתברך פריידט זיך דערפון.

**זוהר חדש**

**די** גמרא [מגילה י"ב] זאגט אויף דעם פסוק [אסתר א' י'] בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי כְּטוֹב לֵב הַמֶּלֶךְ בַּיָּיִן זאגט רבא אז דער זיבעטער טאג פון די סעודה איז געווען שבת, ווען אידישע קינדער עסן און טרונקען, ווען זיי הייבן אן צו רעדן אין די רייד פון די תורה, און זיי לויבן השם יתברך.

**פונקט** ווי דעם שבת האט מען געגעבן נאר צו עסן און טרינקען און צו לויבן השי"ת, אזוי אויך אין עולם הבא האט א מענטש נאר צו עסן, טרינקען און לויבן השם יתברך. ווי יואל הנביא זאגט [יואל ב' כ"ו] וַאֲכַלְתֶּם אָכוֹל וְשָׂבוֹעַ וְהִלַּלְתֶּם אֶת שֵׁם ה' אֱלֹקֵיכֶם.

**שאילותות דרב אחאי בראשית א'**

**שבת** זענען אידישע קינדער גלייך צו מלאכים - זיי זענען מיט גארנישט באשעפטיגט, נאר אויף צו לויבן זייער באשעפער.

**תולעת יעקב**

**יעדער** איד זאל טראכטן אין זיין הארץ אז די אלע הערשאפטן פון הימל טוען זייער ארבעט מיט גרויס פרייד. זיי פרייען זיך ווען זיי גייען ארויס יעדן פרימארגן צו שיינען איבער די וועלט, און זענען לוסטיג ווען זיי קומען אריין אין אוונט צו טוען דעם ווילן פונעם באשעפער. זייער עבודה איז פיל העכער פון אונזער עבודה אויף דער וועלט, ווייל זיי אלע רוען נישט קיין איין רגע פון טאג. אזוי אויך איז די זון וואס דרייט זיך ארום די וועלט, יעדן פרימארגן ווען ער גייט ארויס, גייט ער מיט גרויס פרייד, ווי עס שטייט [תהלים י"ט ו'] יָשִׂישׂ כְּגִבּוֹר - אזוי ווי עס לויפט דער שטארקער

אין זיין וועג, אזוי גייט ארויס די זון מיט שמחה א יעדן פרימארגן צו באלייכטן די וועלט. די זון זינגט פאר השם יתברך דעם מזמור פון 'הוֹדוּ לַה' קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ' [זוה"ק ויקהל דף קצ"ו.].

**אויך** שטייט אין מדרש [תנחומא פ' אחרי] אז פון ווען די זון שיינט אויף ביז די זון גייט אונטער, זינגט ער א גאנצע צייט די לויב פון השם יתברך, ווי עס שטייט [תהלים קי"ג ג'] מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ עַד מְבוֹאוֹ מְהֻלָּל שֵׁם ה' - פון מזרח זייט וואו די זון שיינט אויף, ביז מערב זייט וואו ער גייט אונטער, זאל זיין געלויבט השם יתברך'ס נאמען.

**און** פונקט ווי די זון זינגט פאר השם יתברך, דאס זעלבע לויבן און זינגען פאר השם יתברך אלע באשעפענישן אין הימל, ווי אויך די גאנצע בריאה און אלעס וואס השם יתברך האט באשאפן אויף דער ערד. ווייל אלעס האט השם יתברך נאר באשאפן צוליב זיין כבוד, ווי עס שטייט [ישעי' מ"ג ז'] כֹּל הַנִּקְרָא בִשְׁמִי וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו - יעדע זאך וואס ווערט גערופן מיט מיין נאמען, און אלעס וואס איך האב באשאפן, איז פאר מיין כבוד וועגן, איך האב אים באשאפן, און איך האב אים געמאכט מיט אלע באדערפענישן וואס ער דארף האבן. און דער כבוד פון השם יתברך איז דאס וואס מען זינגט פאר אים, ווי עס שטייט [תהלים כ"ט ט'] וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד, אין זיין היכל וועט מען קומען זאגן כבוד און לויב פון אלע עקן וועלט.

**דאס** זעלבע איז אויך ביי אלע נשמות, נאכדעם וואס זיי גייען ארויס פון זייער גוף טוען זיי לויבן השם יתברך, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש [תרומה דף קמ"ב.].

**דעריבער,** וויבאלד אלע באשעפענישן אין הימל זענען מעורר א געזאנג צו הקדוש ברוך הוא ווייל דורכדעם ווילן זיי באהאפטן ווערן צו הקדוש ברוך הוא, אויב אזוי דארפן מיר דא אויף דער וועלט אויך מעורר זיין געזאנג און לויב צו דערפרייען השם יתברך וואס האט אונז באשאפן, כדי מיר זאלן באהאפטן ווערן צו השם יתברך, ווייל דאס זינגען צו השם יתברך איז גורם אז מען זאל באהאפטן ווערן צו אים.

**און** ווען דער מענטש וועט זיך דערמאנען דאס פיל גוטס און חסדים וואס השם יתברך טוט מיט אים, ווי מיר זאגן ביי די תפלה פון נשמת כל חי: 'וְאִלּוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם וכו', - און אפילו אונזער מויל וואלט פול געווען מיט לידער צו השם יתברך אזוי ווי דעם ים, און אונזער צונג וואלט פול געווען מיט געזאנג אזוי ווי זיינע פילע כוואליעס, און אונזערע ליפן וואלטן פול געווען מיט רוהם צום באשעפער אזויווי די ברייטקייט פונעם הימל, און אונזערע אויגן וואלטן געלויכטן אזוי ווי די זון און די לבנה, און אונזערע הענט וואלטן געווען אויסגעשפרייט מיט א תפלה אזוי ווי די אדלער וואס פליען הויך, און אונזערע פיס וואלטן געווען גרינג צו טאנצן אזוי ווי די הירשן וואס לויפן זייער שנעל, וואלטן מיר נישט געקענט גענוג דאנקען פאר דיר השם יתברך אונזער באשעפער, אויף אפילו נאר איינע פון די פילע טויזענטער און צען-טויזענטער מאל פון גוטס און ניסים און וואונדער וואס דו האסט געטאן מיט אונזערע עלטערן און מיט אונז.

**דערפאר,** די גלידער וועלכע דו האסט איינגעטיילט אין אונזער קערפער, אין דער לעבנס גייסט און נשמה וואס דו האסט אריינגעבלאזן אין אונזערע נאז לעכער, און די צונג וואס דו האסט געלייגט אין אונזער מויל, זיי וועלן שטענדיג דאנקען און לויבן און ריהמען און פארהערליכן און זינגען און גרויס מאכן און שטארקן און דערקלערן קעניגרייך פאר דיין נאמען רבונו של עולם אונזער קעניג.

**צוליב** דעם האט דוד המלך שטענדיג געזינגען צו השם יתברך, און האט אונז אויך באפוילן צו זינגען שטענדיג צו השם יתברך, ווי עס שטייט [תהלים ל"ג א'] רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּה', זינגט צדיקים דעם לויב פון השם יתברך, [שם ג'] שִׁירוּ לַה' שִׁיר חָדָשׁ - זינגט פאר השם יתברך א נייע געזאנג.

**ראשית חכמה שער האהבה פ"י**

**דאס** זעלבע שטייט אין ספר ברית מנוחה, אז אלע מלאכים אין הימל עפענען זייער מויל מיט הייליגקייט און מיט ריינקייט, מיט לידער און געזאנג, און זיי בענטשן און לויבן און עהרן און פארהערליכן און הייליגן און מאכן קעניגן מיט א פלאם פייער און מיט גרויס פארכט און שרעק און ליבשאפט, צו דערפרייען און צו טוען דעם ווילן פון השם יתברך וואס האט זיי באשאפן.